# גליקן

אין ליבן קינדערשן קליין ביכעלע
איז ווונדערלעך געווען און שיין;
אַ מיידעלע געפֿינט אַ גאָלדן שיכעלע,
וואָס האָט געהערט דעם פּרינץ אַליין . . .

אַ פּויערל אין דאָרף אַן אָרעמער,
אַן אויסגעלאַכטער און אַ נאַר,
בײַ זײַנע ברידער — אַ פֿאַרלאָרענער —
ווערט פּלוצים איבער זיי אַ האַר.

אַן אָרעמאַן, אַ מידער וואַנדערער,
טרעפֿט אָן אַ בעטלערל אין וועג,
ערשט ס׳איז דער בעטלער גאָר אַן אַנדערער
און יענער שענקט אים אַ פֿאַרמעג.

אַ יונג פֿון שטאָט וויל זיך דערווײַטערן,
זוכט אום אין וואַלד און ווייס ניט וואָס;
באַגעגנט אים אַ שיינע רײַטערין
און לאַדט אים אײַן צו זיך אין שלאָס . . .

# אַזוי

אַזוי גייען זיי אָפּ,
אַזוי שווימען זיי אָפּ
די אַמאָליקע לידער —
פֿון דעם זײַדענעם לאָק,
פֿון דעם גאָלדענעם קאָפּ,
פֿון די הערלעכע גלידער.

און דאָס ליד שטיל פֿאַרגייט
וועגן שאָרך פֿון איר קלייד —
דער אַלט־איידעלער ניגון;
און עס זינגט ניט דער זײַד
אין דער רוישיקער צײַט —
אויף דער זײַד איז אַנטשוויגן . . .

# דורות פֿון דער צוקונפֿט

דורות פֿון דער צוקונפֿט,
קומענדיקע ברידער,
איר זאָלט ניט דערוועגן
אויסלאַכן די לידער —
לידער פֿון די שוואַכע,
לידער פֿון די מידע,
אין אַ דור אַן אָר׳מען,
פֿאַר דער וועלטס ירידה.

מיט דער ווײַטער פֿרײַהייט
אַלע דורכגעדרונגען
האָבן מיר די לידער
שטילערהייט געזונגען.

און אין נאַכט אין חושך,
ווײַט פֿון אייג׳נע גליקן,
האָבן מיר בשתיקה
אויפֿגעשטעלט די בריקן.

זיך געהיט פֿון שונא,
וואָס האָט וואַך געלויערט,
און דערפֿאַר די לידער
קלינגען אָפּ פֿאַרטרויערט

און די גרויע בענקשאַפֿט
און דער געהיימער צאָרן,
וואָס איז אין די לידער
אײַנגעוועבט געוואָרן . . .